# בית־יעקב

ליטעראַרישע שריפט פאַר שול און היים

דינט די ענינים פון בית־יעקב שולן און אָרגאַניזאַציעס בנות־אגודת־ישראל אין פּוילן

רעדאַקטירט דורך א״ג פרידנזאָן

יובל־קאָנגרעס פון „בנות אגודת ישראל״ אין לאָדזש זונטיק—דינסטיק יב־טז אלול תרצ״ו

(זע לעצטע זייט)

| לאָדזש—וואַרשע—קראָקע | ב״ה, אייר תרצ״ו | נומער 133 | דרייצנטער יאָר־גאַנג |
|---|---|---|---|



**אג״ם** בית־יעקב צו אַ נייער תקופה
**דר. שלמה בירנבוים** לשון קודש און עברית
**יהודא לייב אָרלעאַן** איבער וואָסערע זינד?
**א״ג פרידנזאָן** טאָג־בוך פון אַ רייזע אין א״י
**ז. שאַכנאָוויטש** צוריק אַ היים
**ישראל עמיאם** נייע לידער
**אסתר הייטנער** דאָס קיניגרייך פון דער פרוי
**אלימלך שטייער** אַ ספר־תורה איז נגנז געוואָרן...
**י. ל. געלשט** „צום שורש״

בנות־בלעטער

**רבקה הורוויץ** אונדזער אחריות
**רחל בת טובים** שענירער־לעגיאָן
**אסתר צפורה ווינער** צו אייך יידישע בעל־הביתטעס
**שרה ראָזא** דאָס חשיבות פון אונדזער ליטעראַטור
מיר פּראָקלאַמירן אונדזער יובל־קאָנגרעס! (אַ רוף)
פונים לעבן אין „אהל שרה״
ידיעות: יובל־קאַמפּאַניע, יובל־ליטעראַטור, בנות־ביולעטין, יובל־אינספּעקציעס, פאַרדינסט־זשעטאָנין א. אַ.


## „דער וועג אַהיים...״

**אַזוי** הייסט די גרויסע שפּאַנינדיקע דערציילונג פון באַרימטן אָרטאָדאָקסישן שריפטשטעלער

### ז. שאַכנאָוויטש

(רעדאַקטאָר פון „איזראַעליט״)

וואָס הייבט זיך אָן דרוקן אין המשכים אין היינטיקן נומער.

די דערציילונג, וואָס איז ערשט נישט לאַנג אַרויס אין דייטש, האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם ביים בריטן לייענער־עולם.

דאָ ווערט אין אַ קינסטלערישער פאָרעם געשילדערט אַ שטיק לעבן פון דייטשן יידנטום אין דער לעצטער צייט.

אַ יונגער יידישער מענטש, וואָס שטאַמט פון אַן אַסימילירטער, פון יידישקייט אָפּגעפאַלענער יידישער משפחה, ווערט פאַרכאַפּט פון שטורים פון דער צייט, מאַכט אַדורך פאַרשידענע גלגולים און קערט צוריק צו יידישקייט און צו דער יידישער היים — ארץ־ישראל.

מיטן כּוח פון יוגנט און איבערצייגונג רייסט ער צום סוף אויך מיט זיינע עלטערן און זיין גאַנצער סביבה, און דערהייבט זיי צו יידישער הויכקייט.

אין אַ ריי בולטע פּלאַסטישע בילדער, געשריבן מיט גרויס טאַלאַנט און אָבסערוואַציע־פעאיקייט — פירט דער מחבר אַדורך פאַר אונדזערע אויגן דאָס לעבן אין אַן הכש־ה, די אַנטוויקלונג פון נייעם לעבן אין הייליקן לאַנד, דעם התפתחות־וועג פון די ערשטע אָרטאָדאָקסישע קיבוצים.

אויפן באָדן פון די אבות קומט זיך צונויף יידיש לעבן אין פאַרשידענע נסחאות, — פון מזרח און מערב — און שליסן זיך צונויף אין קאַמף פאַר דער דערהאַלטונג פון דער יידישער מסורה אין ג—טס לאַנד.

ס׳קומען שילדערונגען פונים לעבן פון די מזרח־יידן, אינטערעסאַנטע טיפּן פון רעליגיעזע פּיאָנערן. אין די דיאַלאָגן, וואָס קומען אינעם סיפּור, זענען פאַרפלאָכטן אידעאָלאָגישע מאָמענטן פון אגודת־ישראל, איר׳ע צילן און אַרביטן אויפן געביט פון רעליגיעזער אויפלעבונג אין הייליקן לאַנד.

בקיצור: די דערציילונג פון ז. שאַכנאָוויטש איז אַן אמתער דאָקומענט פון דער צייט, קינסטלעריש און אַקטועל און לייענט זיך מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם פון אָנהייב ביזן סוף.

די איבערזעצונג אין יידיש (מיט געוויסע קיצורים) [illegible] יאַכט געוואָרן דורך אַ מומחה און לייענט זיי [illegible]

**„דער וועג אַהיים״** איז די ערשטע [illegible] פון גרויסן [illegible] שניט, וואָס [illegible] יקן לעבן [illegible] און זיינע [illegible]


**גרייט אייך**

**צו דער גרויסער אַבאָנענטן - אַקציע פאַרן אָפּוואַר-העפט פון בית־יעקב־זשורנאַל**

**קיין אַנטיסעמיטיזם!**

נומ. 135

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem
פרייז 60 גראשן.

BAJS JAKOW | ŁÓDŹ, Kwiecień 1936 r. | zeszyt 133

Adres Redakcji: „BAJS JAKOW" Łódź, Kilińskiego 44. TELEFON 109-77. P. K. O. 67-795.

# מיר פראקלאַמירן פייערלעך דעם יובל־קאנגרעס פון בנות־אַגודת־ישראל אין פוילן

וואָס קומט פאר אין לאדזש אי״ה זונטיק—דאנער־שטיק, פרשת תבא י״ב—ט״ז אלול התרצ״ו.

מיט דער הילף פון השם יתברך זאָגן מיר אָן דער תורה־גיטרייעָר מחנה פון יידישע פרויען די פרייליכע בשורה, אז אי״ה אויף **זונטיק—דאנערשטיק, פ׳ תבא, י״ב—ט״ז אלול תרצ״ו** רופן מיר קיין לאדזש דעם יובל־קאנגרעס פון בנות־אגודת־ישראל אין פוילן, ביי דער באטייליקונג פון פארשטייערנס פון אלע לאַנד־ארגאַניזאציעס פון בנות־אגודת־ישראל אין גאַר דער וועלט.

דער יובל־קאנגרעס וועט זיין אַן־אַקט פון היסטארישער באַדייטונג פאַרן גאַנצן יידישן פאלק. די יידישע פרוי וועט צוריק פאַרנעמין דאָס חשובע ארט אין יידישן לעבן, וואָס איר קומט לויט דער יידישער תורה און טראדיציע. אויפן סדר־היום פון יובל־קאַנגרעס וועלן אַוועקגישטעלט ווערן אַלע שאלות און פראבלעמין, וואָס אין זייער פאַרענטפערונג איז אָפּהענגיק א בעסערער, שענערער אמת־יידישער מארגן פונים יחיד, משפחה, כלל און פאלק.

**רעליגיעזער דערציאונג פונים יונגין פרויען־דור דורך „בית־יעקב" אַלס פאלקס־שול, די שאַפונג פון אַן־אמת יידישער ליטעראַטור, דאָס געבן אַ תוכן און אַ ציל די יידישע טעכטער, אויפהייבן דעם מאַטער־יעלן מצב פון אַרביטנדיקע חבירות דורכן שאַפן סאציאַלע מוסדות, פאַרפאַנצערן שמירת שבת, כשרות און טהרת המשפחה, הכשרה און עלי׳ פון בנות, יידיש פרויען־לעבן אין ארץ־ישראל, ראל פון דער פרוי אין אַגודיסטישע שאַפונגין, אַקטיוויזירן די יידישע פרוי, בתי׳־פאַרבאַנד, ווייל אַ דעלעגאַציע צום וועלט־קאנ־גרעס פון אַגודיסטישע פרויען אין ירושלים אא״וו.**

די אַלע ענינים וועלן רעפערירט און דיסקוטירט ווערן אויפן יובל־קאנגרעס און ס־וועלן גילייגט ווערן יסודות אויף זיי צו קענין אויסבויען די גיהעריקע פאזיציעס, צו שטאַרקן דעם עתיד פון נצח־ישראל, דורכן שטעלן אין צענטר פון יידישן הייליקן פאלק־לעבן, די גיטרייע בנות־ישראל.

סיי כלפי פנים, סיי כלפי חוץ, וועט דער יובל־קאנגרעס לאַזן הערן דעם שטאַרקן רוף צו דער יידישער פ־וי, צו גיין פוס־טריט אין די וועגן פון די הערא־יש־גישיכטלעכע אשת־חילס און צו ברענגין דעם כלל ישראל טרייסט און הילף אין די נסיונות־פולע חבלי־משיח־צייטן, און ראוי צו זיין אויסצופירן דאָס היסטארישע גאולה־שליחות.

מיר רופן אלע בנות־פירערנס און רעליגיעזע פרויען־טוערנס צו שטיין אויף דער וואך און דינין אומדערמידלעך מיט זייער מיטהילף די דורכפירונג פונים היסטארישן גישעעניש, דעם יובל־קאנגרעס, וואָס זיין דערפאלג באַטייט – קידוש־שם־שמים ברבים!

**צענטראַלע בנות־אַגודת־ישראל אין פוילן**

## די ערשטע הכנות צום יובל־קאנגרעס

### קאנגרעס־לוח

א) זונטיק, י״א אייר, קומט זיך צונויף אין יעדן סניף די בנות־פירערשאַפט, שטעלט צונויף אַ רשימה פון אַלע חבירות פון בנות און בתי׳, רעליגיעזע פרויען אין שטאָט. ס־ווערן ארגאַניזירט גרופּיס, וואָס זאלן זיך פאַר־נעמין מיטן פאַרשפרייטן די וואַל־קאַרטיס צום קאנגרעס. ס־ווערט אויך צוגיגרייט דער קא.גרעס־אָוונט אויף זונטיק ל״ג בעומר.

ב) זונטיק, ל״ג בעומר, ווערט אין יעדן ארט איינגיא־דנט אַ גרויסע קאנ־גרעס-פאַרזאַמלונג, צו וועלכער ס־דאַרפן גירופן ווערן די ברייטע רעליגיעזע פרויען-מאסן און ס־דאַרף זיי דערקלערט ווערן דער באַטייט פונים יובל-קאנגרעס, — אַ ספּעציעל פּראגראַם פאַר דער פאַרזאַמלונג באַקומט צוגישיקט יעדער סניף באַזונדער.

ג) זונטיק, כ״ח אייר, ווערט דורך יעדן סניף גישאַפן אַ וואַל-קאַמיס־ע, וואָס שטעלט צונויף די רשימות פון די וואַל-באַרעכטיקטע צום יובל-קאנגרעס.

ד) זונטיק, ג׳ סיון, קומין פאר די וואַלן.

ה) זונט ק, י׳ סיון, ווערט אָפּגישיקט דאָס פּראטאקאל פון די וואַלן צים צענטראַלן קאנגרעס-סעקרעטאַריאַט אין לאדזש.

ו) זונטיק, י״ז סיון, קומט זיך צונויף די עקזעקוטיווע און פארשטייערנס פון גרעסערע ארגאַניזאַציעס, און ס־ווערן באַשטעטיקט די נעמין פון די גיוויילטע דעלעגאַטנס צום קאנגרעס. אויף דער זעלבער זיצונג ווערט אויך פעסטגישטעלט דער אויספירלעכער סדר-היום, די רעפערענטס, דאָס פרעזידיום פון קאנגרעס, די אַ־פירער פון די קאמיסיעס אא״וו.

ז) זונטיק, א׳ תמוז, ווערן פונאַנדערגישיקט צו אַלע דעלעגאַטנס די ספּע־ציעלע קאנגרעס-פעסער, וואָס וועלן זיין אַ היסטארישער דאקומענט פונים באַטייליקן זיך אינים גרעסטן גישעעניש פון דער יידישער פרויען-וועלט.

באַזונדערע פרטים וועגן די ארביטן פון תמוז-אב וועלן צוגישיקט ווערן צו די סניפים און דורך הייאַרדיקע ידיעות אין דער פרעסע.

## וואַל-תקנות:

א) אַקטיוו און פּאַסיוו וואַל-רעכט צום קאנגרעס (צו קענין וויילן און אַליין גיוויילט ווערן) האבן אַלע יידישע רעליגיעזע פרויען, וואָס באַזיצן אַ יובל-קאַרטע אויפן יסוד פון תרומת-חברה פון יאָר תרצ״ו.

ב) אַקטיוו וואַל-רעכט (בלויז צו קענין וועלן) האבן די אַלע, וואָס באַזיצן די ספּעציעלע וואַל-קאַרטע.

ג) אויף יעדע 50 יובל-קאַרטן האט אַ סניף דאָס רעכט צו וויילן 1 דעלע־גאַט; יעדע צוויי יובל-קאַרטן ווערן גירעכנט, ווי 1 יובל-קאַרטע, אזוי דאָס די סניפים, וואָס האבן פאַרקויפט 25 ת״ח און 50 וואַל-קאַרטן האבן אויך דאָס רעכט צו וויילן 1 דעלעגאַט.

ד) די שטעט, וואָס האבן נישט פאַרקויפט די גיהעריקע צאָל ת״ח און וואַל-קאַרטן אויף צו קענין האָבן אַן־אייגינים דעלעגאַט, וועלן קענין אָפּגעבן זייערע שטימין אויף דער קאַנדידאַטן-ליסטע, וואָס עס וועט אַרויסשטעלן די בנות-צענטראַלע.

ה) די וואַלן וועלן מוזן דורכגיפירט ווערן נאר אין דעם באַשטימטן טאָג און בכלל וועלן וועלן אַלע טערמינין מוזן דערהאַלטן ווערן שטרענג, פינקטלעך.

עס וועלן אויך ווערן באַשטימט אַלס ערן־דעלעגאַטנס, אַ ריי אָנגיזעענע יידישע פרויען, וועלכע קענין הצלפן די באַוועגונג אין גייסטיקער און מאַטעריעלער הינזיכט.

ו) אַלס ערן-געסט וועלן קענין קומין אַלע חבירות פון „בנות" וואָס באַזיצן לפחות פון דריי יאָר תרומת-חברה און וועלן אויסקויפן די ספּעציעלע גאַסט-קאַרטן.

צו אַב תקנות און גינויע אָנווייזונגין, ווי אזוי דורכצופירן די וואלן, וועט באַקומין צוגי־שיקט יעדער סניף באַזונדער.

גיזעצט ביי מ. ראזנשטיין, פיעטרקאוו, פלאץ טריבונאלסקי 4. טעלעפאן 12-13.

Wyd. Luzer Gerszon Frydenzon. Nakł. Centr. (B. A. J.) Agudas Israel w Polsce

Odbito w tłoczni J. Djamenta, Łódź.